בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ויחי
י"א טבת תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:18 |
| מוצש"ק | 5:35 |
| ר"ת | 6:12 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:26 | סוז"ת א' | 9:33 |
| סוזק"ש ב' | 9:10 | סוז"ת ב' | 10:03 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קי"ז
שנה ג'

## טיב המערכת

# די סגולה פון די תורה

חכמינו זכרונם לברכה זאגן אז כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עוֹל תּוֹרָה מַעֲבִירִים מִמֶּנּוּ עוֹל מַלְכוּת וְעוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אזוי אויך זאגן חכמינו ז"ל הַמְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה מֵעֹנִי סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעֹשֶׁר, דאס הייסט אז אין זכות פון די תורה ווערט דער מענטש פטור אפילו פון אזעלכע זאכן וואס דער לאגיק [היגיון] איז מחייב אז יעדער איינער זאל עס דארפן דורכגיין, און אזא מענטש טראגט נישט דער יאך פון שטייערן, נישט קיין עול פון פרנסה, און אויסער דעם אלעם איז ער אויך זוכה צו די ברכה פון עשירות אין איר זכות.

פון די אנדערע זייט, לערנען מיר ארויס פון די מאמרים פון חכמינו ז"ל, אז ווער עס לאזט זיך נאך פונעם עול תורה, איז נישט גענוג אז ער איז נישט זוכה צו די אלע אויבנדערמאנטע זאכן, נאר עס ווערט נאך צוגעגעבן אויף אים נאך שוועריגקייטן און טִרְדּוֹת, אזוי ווי חכמינו ז"ל זאגן אִם בְּטַלְתָּ מִן הַתּוֹרָה יֵשׁ לְךָ בְּטֵלִים הַרְבֵּה כְּנֶגְדְּךָ, אזוי אויך זאגן אונזערע הייליגע חכמים אז הַמְּבַטֵּל אֶת הַתּוֹרָה מֵעֹשֶׁר סוֹפוֹ לְבַטְּלָהּ מֵעֹנִי, רחמנא ליצלן. זעען מיר אז דורכן ביטול התורה, איז נישט נאר וואס מען ווערט נישט פטור פון זאכן וואס דער שכל איז מחייב, ווערט נאך צוגעגעבן אויף אים מער טירדות ווי דאס וואס ער האט שוין, און ער ווערט משועבד צוליב זיי צו נאך זאכן וועלכע מאכן אז ער זאל זיין אומרואיג חלילה.

גלייך ביים אנהייב פון די פרשה פון די וואך, אינעם דיבור המתחיל "ויחי יעקב", פרעגט רש"י הקדוש: לָמָּה פָּרָשָׁה זוֹ סְתוּמָה? און רש"י הקדוש ענטפערט: לְפִי שֶׁכֵּיוָן שֶׁנִּפְטַר יַעֲקֹב אָבִינוּ נִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם וְלִבָּם שֶׁל יִשְׂרָאֵל מִצָּרַת הַשִּׁעְבּוּד שֶׁהִתְחִילוּ לְשַׁעְבְּדָם.

אויסער דעם ערקלערונג פון רש"י עַל פִּי פְּשׁוּטוֹ, קען מען זאגן אז רש"י האט דא מרמז געווען אויפן אויבנדערמאנטן ענין, וויבאלד עס איז ידוע אז די דריי הייליגע אבות זענען די שְׁלֹשָׁה עַמּוּדֵי עוֹלָם, און זענען אנטקעגן די דריי זאכן וואס די וועלט שטייט אויף זיי, תורה עבודה און גמילות חסדים, אברהם וואס זיי מדה איז חסד איז אנטקעגן דער עַמּוּד פון גמילות חסדים, יצחק וואס אויף אים זאגט דער פסוק וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה איז אנטקעגן דער עַמּוּד הָעֲבוֹדָה וואס דאס איז תפילה, און יעקב איז די מדה פון אמת, און אמת איז די תורה.

דאס האט רש"י מרמז געווען זאגנדיג, אז ווען יעקב אבינו איז נסתלק געווארן, וואס ער איז די בחינה פון תורה, און דאס מיינט אז עס איז געווארן א נאכגעלאזטקייט חלילה אין די בחינה פון יעקב וואס דאס איז תורה, דאס האט גורם געווען אז די אויגן און הארץ פון די אידן איז נסתם געווארן פון די צרה פונעם שעבוד, וואס מען האט אנגעהויבן צו משעבד זיין די אידן, ווייל דאס נאכגעלאזטקייט אין די תורה איז דאס וואס איז גורם אלע ערליי צרות און שעבודים חלילה פאר אידן, און ווען נישט דערפאר – זענען מיר פארזיכערט לְחֵרוּת עוֹלָם, אזוי ווי חכמינו ז"ל האבן געזאגט אויפן פסוק חָרוּת עַל הַלֻּחֹת - אַל תִּקְרֵי חָרוּת אֶלָּא חֵרוּת.

(לויט א שמועס פון מורינו ורבינו שליט"א)

## טיב הפרשה

# ישימך אלקים כאפרים וכמנשה

### עבודת ה' אויך אין א צייט פון קטנות המוחין

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר אז יעקב אבינו האט אוועקגעשטעלט פאר'ן כלל ישראל א ברכה מיט וואס זיי זאלן בענטשן זייערע קינדער, אז זיי וועלן זאגן אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ווי אפרים און ווי מנשה.

מען דארף פארשטיין פארוואס יעקב אבינו האט געגעבן אזא סארט ברכה פאר'ן כלל ישראל אז מען זאל אויסוואקסן ווי ביידע, סיי ווי מנשה און סיי ווי אפרים.

עס קען זיין, וויבאלד כידוע פון פריערדיגע ווייזט מנשה אויף מוחין דגדלות און אפרים ווייזט אויף מוחין דקטנות, אויף א צייט ווען דער מח ארבעט נישט אזוי שטארק, די מוחין זענען שוואכער, און יעקב אבינו האט געוואלט מרמז זיין פאר כלל ישראל איבער די עבודת ה' אין ביידע מצבים.

מיט זיינע הייליגע אויגן האט יעקב אבינו געזען די חשכות וואס וועט זיין אין גלות און ווי שווער עס וועט זיין צו דינען הקב"ה אין א צייט פון פינסטערניש און געהייסן אז מען זאל אנזאגן כלל ישראל דערוועגן, אז די עבודה איז אין יעדן מצב.

אין יעדער איד געפינט זיך ביידע זמנים, יעדער איד האט צייטן ווען אלעס שיינט און בליט, אלעס איז אפען פאר אים, ער שפירט א חיות, א געשמאק אין דאווענען, אין לערנען. דאגעגן איז דא צייטן ווען עס איז פינסטער, די חשכות איז אזוי דיק אז ער שפירט נישט גארנישט, דער דאווענען איז בכפיה, די לערנען איז פול מיט היסח הדעת, ער קען זיך נישט קאנצענטרירן פאר א מינוט איבער די לימוד, און

<<< | המשך אין עמוד ב' |

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

קעגן די אלע זמנים האט יעקב אבינו גערעדט צו דעם איד, ער האט אים געזאגט אז ער בענטשט זיינע קינדער אז זיי זאלן דינען הקב"ה אין יעדן מצב.

מיט די ברכה האט יעקב אבינו געשיקט א שליחות צו יעדן דור און געזאגט אז מען זאל וויסן די גדלות און די חשיבות פון דינען הקב"ה אויך אין א שוואכע מינוט, ווען אלעס איז מלא חושך.

א איד דארף צו וויסן אז הקב"ה קען אין א רגע איבערדרייען דעם מענטש פון קטנות המוחין צו גדלות המוחין אבער ער וויל נישט - ווייל הקב"ה וויל פון א מענטש די עבודה, די אנשטרענגונג וואס ער טוט דייקא ווען ער שפירט נישט קיין טעם אין די עבודה, אין די תורה.

פאר'ן איד זעט אויס ווי ער איז נישט באוויליגט פאר הקב"ה, ווי מען שטויסט אים אוועק, אבער אזא בליק איז גרייזיג, דער אמת איז ממש די פארקערטע.

אין אזא צייט ליגט א פליכט אויף א איד צו טון וואס ער קען - וועלכע זאך ער קען יא דערגרייכן.

די בחינה באגעגענט מען אסאך מאל אין די תורה, און מען האט עס אויך געזען ביי גדולי ישראל פון אלע דורות. מען דערציילט אז אין די עלטערע יארן האט דער חפץ חיים זי"ע געהאט שווערע טעג אז מחמת גרויס שוואכקייט און שווערigקייט איז ער נישט געווען מסוגל צו עפענען א ספר און לערנען אין איר.

זעענדיג אז דאס לערנען גייט אים נישט, און נישט וועלנדיג זיצן בבטלה האט ער אנגעהויבן חזר'ן די ברכת הנהנין אויסרעכענענדיג יעדער פרי וועלכע ברכה מען מאכט אויף איר, די ווערטער פון די ברכה, די פאַר ברכה, די נאָך ברכה, זאגנדיג אז דאס איז אויך תורה.

נישט נאר אין די איכות המצוה ווען עס ווערט געמאכט אין אן אפרים'דיגער מצב, טאר מען נישט מזלזל זיין דערין, נאר אויך אין די כמות, מען דארף טון וואס מער ווייל מיר האבן נישט די מעסטער אפצושאצן די חשיבות פון א מצוה, איר גרויסקייט, איר דערהויבנקייט, אפילו אז עס זעט אויס אין אונזערע אויגן ווי א גרינגע מצוה, ווי די משנה זאגט אין אבות [ב.א] והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה כי אי אתה יודע מתן שכרן של מצוות, און אמאל איז א מצוה קלה גובר אויף א מצוה חמורה.

מען האט דערמאנט די ענין פון ברכות. אויף דער מאכן א ברכה זעט צומאל אויס ווי א גרינגע מצוה, אבער איר חשיבות איז זייער גרויס און עס איז מציל פון אסאך שווערigקייטן.

א איד איז אמאל אריין צום בריסקער רב זצ"ל און אים דערציילט אז ער וויל עפענען א שולע פון מיידלעך. דערביי האט ער אויסגערעכענט די אינהאלט, די תוכן הלימודים וואס מען גייט לערנען מיט די מיידלעך און אויף וואס ער וויל אז דער מוסד זאל זיין געשטעלט. ווען ער האט געענדיגט די ליסטע האט זיך דער בריסקער רב אנגערופן צו אים: און ברכות? וואס איז מיט ברכות? ווען וועסטו אויסלערנען ברכות פאר די קינדער?

דאס קומט אונז אויסלערנען אז די זהירות דארף צו זיין אויך אין די קלייניגקייטן אן אז מען דארף האלטן טייער אויך א פשוטע מצוה, וועלכע זעט אויס שוואך, ווייל יעדע מצוה איז טייער און מען דארף עס שעצן.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען האלטן די מצוות טייער און זוכה זיין אלעמאל צו קענען מקיים זיין דער רצון פון הקב"ה.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# איין השגחה בריינגט די צווייטע

מיר האבן א סדר ביי אונז אין די ישיבה, אז מיר הייבן אן די טאג נאך פאר'ן דאווענען.

וועלענדיג אז דער דאווענען זאל גיין מיט די גאנצע ברען, מיט די גאנצע חיות האבן מיר א סדר אז מיר לערנען פאר'ן דאווענען, אבער מיר האבן אויך א קפידא אז דער לימוד זאל זיין מעוטר בתפילין.

אין די שול וואס מיר לערנען איז דא נאך אידן וואס לערנען, און אין א טאג האט זיך א איד געגעבן א רוף אן צו דער מגיד שיעור אז ער האט יעצט מיטגעלעבט אן אינטערסאנטע השגחה פרטית פאל.

וואס איז געשען? ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען עפעס א זאך, און נאכקוקנדיג א מראה-מקום האט ער געזען אז רש"י איז מעיד אויף אן אמורא אז דער אמורא האט זיך געפירט מקפיד צו זיין אויף די ערשטע סוף זמן קריאת שמע - צו לייענען קריאת שמע אין די ערשטע געלעגענהייט ווען עס איז שייך.

דער איד האט זיך געכאפט אז בעצם איז ער אויך מקפיד אויף דעם, נאר היינט - נאך דעם וואס מען האט יענער טאג גערוקט די זייגער - האט ער זיך פארמישט צווישן דער ווינטער זייגער און דער זומער זייגער און נאכנישט געלייענט קריאת שמע, און עס איז נאך געבליבן געציילטע מינוטן ביז ווען ער קען לייענען קריאת שמע.

דער איד האט עס דערציילט פאר'ן מגיד שיעור, און דערביי האב איך זיך אויך געכאפט אז אויך איך האב בעצם נאכנישט געלייענט קריאת שמע און אט-אט גייט שוין אריבער די צייט.

מיטאמאל האבן זיך נאך אידן דערמאנט פון דעם, און איינער האט עס איבערגעגעבן פאר'ן צווייטן און מזכה געווען מיט דעם דער ציבור.

עס איז געווען וואונדערליך צו זען ווי אזוי די השגחה פרטית פון איין איד האט געשלעפט נאך איינס און נאך איינס, אז יעדער איד אין שול האט זוכה געווען אדאנק דעם צו לייענען קריאת שמע בזמנו.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ר.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# הגה"צ רבי מאָטיל סלאָנימער זצוק"ל

**לכבוד דעם גרויסן יומא דהלולא פון הגאון הקדוש רבי מרדכי חיים סלאנימער זצוק"ל, בן הרב רבי יהודה לייב זצ"ל, וועם מען האט גערופן 'רבי מאטיל דיין'. וועלכער איז געווען דער רבי און מנהיג פון די סלאנימער חסידים נאך די צווייטע וועלט-מלחמה, אין עיה"ק טבריה ת"ו, בעל "מאמר מרדכי", וואס געפאלט אום מוצאי שב"ק (י"ב טבת תשי"ד). וועלן מיר דא ברענגט עטליכע הייליגע עובדות פון זיין וואונדערליכע עבודת הקודש און תורה, צוזאמגעקליבן פון די שיעורים און ספרים פון מורינו ודבינו שליט"א.**

אום ערב יום הכיפורים פלעג הגה"ק **רבי מאטיל סלאנימער זצ"ל** זיצן און לערנען דעם גאנצן טאג מיט א געוואלדיגע התמדה, כדי משלים צו זיין זיינע פילע סדרי הלימוד וואס ער האט געלערנט יעדן טאג, איך פארן הייליגן יום הקדוש פון יום הכיפורים, ווען מיר שטייען א גאנצן טאג און מיר זענען עוסק אין תפילה און צלותא.

ווען דער טאג פון ערב יום הקדוש האט שוין געהאלטן ביים אונטערגיין, האט רבי מאָטיל גענומען אין האנט **ח"י פרוטות** און עס געדרייט ארום זיין הייליגן קאפ, און געזאגט: "זֶה חֲלִיפָתִי זֶה תְּמוּרָתִי זֶה כַּפָּרָתִי", און האט גלייך אריינגעלייגט די געלט אינעם **צְדָקָה פּוּשְׁקֶע** פון רבי מאיר בעל הנס פון כולל רייסין (וואס איז געשטאנען בנשיאות אדמו"רי בית סלאנים), און איז גלייך ארויסגעגאנגען אין שול צו די תפלה פון 'כל נדרי'!

איז וואס קענען מיר זיך ארויסלערנען פון אט די מעשה... – ניין, נישט צו מחדש זיין אז מען דארף נישט מאכן קיין כפרות אויף עופות... אדער אז מען קען עס אפכאפן אין די לעצטע מינוט, א.ד.ג. – נאר מיר דארפן זיך אפלערנען פונעם וואונדערליכן לימוד התורה וואס רבי מאטיל איז געווען פארטיפט דערין בקדושה ובטהרה דורכאויס דעם גאנצן טאג! אינדערצייט וואס די וועלט איז עוסק אין אנדערע ענינים.

פון יעדן עובדא און מעשה פון צדיקים זאל מען ארויסנעמען דעם חלק וואס מען דארף האבן פאר חיזוק אין עבודת השם, אזוי ווי א איד האט זיך אמאל אויסגעדרוקט בדרך צחות, אז אויב ער וועט זיך פירן אזוי ווי אלע רבי'ס, קען ער חלילה פארוואנדלט ווערן אין א האלבער גוי...! איינער דאוונט שפעט, דער צווייטער דאוונט שנעל, דער דריטער איז פארנומען מיט פילע עסקנות, דער פערטער האט אן עבודת אכילה, דער פינפטער איז פארדרייזט אויף די בערג... – דעריבער דארף מען אכטונג געבן וויאזוי זיך אפצולערנען למעשה פון יעדן מעשה וואס מען דערציילט פונעם צדיק.

און לפי דרכו בקודש פלעג דער הייליגער **בעל ההילולא זי"ע** זאגן אויף דער נוסח וואס מיר זאגן ביי קְדוּשָׁא דְסִדְרָא: "**הוּא יִפְתַּח לִבֵּנוּ**" – וויאזוי און מיט וואס וועט ער עפענען אונזער הארץ – "**בְּתוֹרָתוֹ**", דורכדעם וואס מען וועט עוסק זיין אין די הייליגע תורה מיט התלהבות איז מען זוכה צו פְּתִיחַת הַלֵּב!

->•<-

עס האט מיר דערציילט **הרה"ח רבי דוד פאקשער ז"ל**, וועלכער האט זוכה געווען צו משמש זיין דעם רבי'ן **רבי מרדכי סלאנימער זי"ע אין עיה"ק טבריה ת"ו.**

בסוף ימיו איז דער צדיק געווען ל"ע א 'סגי נהור', און רבי דוד ז"ל פלעג פאָרליינען פאר אים פונעם ספר, און פון מאל צו מאל איז געשען אז ער האט א טעות געהאט ביים ליינען, און רבי מאטיל האט עס גלייך אויפגעכאפט און אים פארראכטן, סיי אין גמרא סיי אין רמב"ם און ראשונים א.ד.ג, וויבאלד ער איז געווען בקי אין אלעם אויף אויסנווייניג, **פונטקליך אויפן לשון!**

צווישן די פילע לימודים וואס ער האט געלערנט מיט אים, האט אים דער רבי געבעטן אז ער זאל אויך ליינען פאר אים פונעם **ספר הזוהר הקדוש.**

אין איינע פון די טעג, ווען ר' דוד האט ארויסגענומען פונעם שאפע דעם ספר הזוהר, האט זיך רבי מאטיל געוואנדן צו אים און געזאגט: מן הסתם וואנדערסטו זיך ביי דיר אין הארץ, פארוואס זאלן מיר עוסק זיין בְּנִסְתָּרוֹת און לערנען אינעם זוהר הקדוש, אינדערצייט וואס מיר ווייסן אז אֶפֶס קָצֵהוּ תִרְאֶה וְכֻלּוֹ לֹא תִרְאֶה, און מיר קענען דאך נישט באגרייפן דעם סוד דערפון, וויבאלד די רייד זענען דערהויבן און ווייט פון אונזער פארשטאנד. און אויב די **רִאשׁוֹנִים כְּמַלְאָכִים** האבן זיך געפלאגט פאר עטליכע טעג כדי גרונטליך צו פארשטיין א מאמר אינעם זוהר, איז **אָנוּ כַּחֲמוֹרִים** וואס האבן מיר עוסק צו זיין אין דעם, וויבאלד **לָאו כָּל מוֹחָא סָבִיל דָּא**. – וואלט דאך לכאורה בעסער געווען אז מיר זאלן אויסניצן די צייט צו עוסק זיין אין נגלות התורה, אין וועלכע מיר האבן א השגה און פארשטאנד.

נאר וואס דען? האט רבי מאטיל דאס אליין געענטפערט צוויי־פאַכיג. ערשטנס, זענען מיר דא אזוי ווי אויף א יריד, וואס מען דארף אריינכאפן און נעמען אין האנט וואס עס איז נאר מעגליך. ווייל **הַרְבֵּה פָּנִים בַּתּוֹרָה**, דער לערנט חומש און דער לערנט משניות און דער לערנט גמרא, און דער חכם כאפט אריין פון אלעם, אזוי ווי ביים יריד וואו עס ווערן פארקויפט פיל ערליי סחורות פאר א ביליגער פרייז, און מען דארף אריינכאפן פון אלע סארטן סחורה...

און צווייטנס, מיר גלייבן דאך אין די ווערטער פון חכמינו ז"ל וועלכע האבן אונז געלערנט אז אין דאס וואס דער מענטש איז עוסק דא אונטן וועט ער עוסק אין דעם אויך דארט אויבן, דעריבער, אויב דא אויף דער וועלט זענען מיר עוסק אין די ווערטער פון דער זוהר, וועט דאך אוודאי זיין אז אין עולם הבא וועלן מיר עוסק זיין אין לערנען זוהר אין די ישיבה פון **רבי שמעון בר יוחאי זי"ע**. און ווען מיר וועלן דארט זיצן אין די ישיבה פון דער **תַּנָּא הָאֱלֹקִי**, וועט ער אונז דאך זיכער מפרש זיין דער עומק הכוונה אין זיינע הייליגע ווערטער.

און רבי מאטיל האט אויסגעפירט מיט א לייכטן שמייכל אויף זיינע הייליגע ליפן: איז דען דא א גרעסערער גליק פון דעם, אז דער תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי בכבודו ובעצמו וועט אונז ווייזן וואונדער פון זיינע דברי תורה?! אלע גלוסטיגקייטן פון די וועלט קענען זיך דאך נישט פארגלייכן דערמיט! **וְאַשְׁרֵי הָעוֹמְדִים עַל סוֹדֶךָ, לְבוּשֵׁי חֹשֶׁן תּוּמֶּיךָ וְאוּרֶיךָ.**

->•<-

**הגה"צ רבי מרדכי חיים סלאנימער זצוק"ל האט אמאל דערציילט:**

כ"ק אדמו"ר בעל **"יסוד העבודה" מסלאנים** זצוק"ל האט אמאל געזאגט, רעדנדיג וועגן דער ענין פון דיבוקים, וואס אין די פריערדיגע דורות איז עס געווען מצוי צווישן אידן, און ער האט ערקלערט דער ענין דערפון, בסוד גלגולי הנשמות וכו'.

האט אים דעמאלטס הר"ר **יהודה לייב זצ"ל** [דער טאטע פון הרה"צ ר' מאטיל] געפרעגט, פארוואס אין די לעצטיגע דורות איז ווייניגער געווארן דער גאנצער ענין פון דיבוקים, און עס איז כמעט ווי פארשוואונדן געווארן אין די היינטיגע דורות.

האט אים דער יסוד העבודה געענטפערט, און אים געגעבן צו פארשטיין, אז דער גאנצער ענין פון דיבוקים איז באשטימט געווארן כדי צו מתקן זיין און מזכך זיין די נשמה, וויבאלד דורך די פילע טלטולים און יסורי הנפש וואס דער דיבוק איז דורכגעגאנגען, ווערט די נשמה אויסגעלייטערט, און אט די יסורים זענען מכפר פאר איר אויף אירע חטאים. – אינעם היינטיגן דור פעלט אונז נישט קיין יסורים... עס גייען דורך אויף אונז אינעם ביטערן גלות, פילע שוועריגקייטן און צרות ברוחניות ובגשמיות, און עס פעלט אונז מנוחה און רואיגקייט אויף אן אופן וואס איז בכלל נישט געווען אין די פריערדיגע דורות. דעריבער, ברענגען אונז שוין די אלע יסורים צו א זיכוך הנפש און תיקון פאר די נשמה, אזוי ווי אינדערצייט פון די דיבוקים.

->•<-

**הרה"צ רבי מאטיל סלאנימער זצ"ל** פלעג זאגן מיט זיין שארפקייט:

זע נאר וואס **'א מענטש'** איז אינעם היינטיגן דור! – ווען אן 'אורח' קומט אריין אין הויז, איז אין די ערשטע פינף מינוט קוקט נאך דער בעל הבית און טראכט וועלכע מעגליכע 'טובת הנאה' מען קען ארויסנעמען פון אים... אין וועלכן געביט [תחום] קען מען אים אויסניצן...

און אויב זעט ער אז פון דעם מענטש וועט אים נישט ארויסקומען קיין גרויסע נוצן... הייבט ער גלייך אן האפן אוןווארטן, ווען וועט ער שוין ארויסגיין פון זיין הויז...

אבער פון זיין אייגענע זייט, וועט ער נישט טראכטן און צולייגן קאפ צו פארשטיין אז מעגליך איז דער מצב פונקט פארקערט... מעגליך איז דער צווייטער דער וואס דארף צוקומען צו אים, און ער זאל פראבירן אנשטרענגען זיין מח און הארץ, אריינצוטראכטן מיט וואס קען איך אים העלפן...

אויב וועט יענער עפענען זיין מויל און מיט קלארע ווערטער בעטן פון אים זיין הילף – אויך דעמאלטס דארף מען **רחמים גדולים** אז ער זאל צולייגן זיין אויער און הארץ און ערפילן זיין פארלאנג... – אבער אז ער זאל אליין טראכטן און מתבונן זיין דערויף, הַס מִלְּהַזְכִּיר! ביז אהער איז

המשך אין עמוד ד'

דער אינהאלט פון זיינע הייליגע ווערטער, וְשִׂפְתֵי פִּי חָכָם חֵן.

**דאס איז אויך געזאגט געווארן אינעווייניג אין הויז!** – עס איז באוואוסט דער מאמר החכם אז **הַהֶרְגֵּל בְּכָל דָּבָר נַעֲשֶׂה טֶבַע**, פילע מענטשן וואס האבן זיך צוגעוואוינט צו **באקומען** אינדערהיים אלעס וואס מען געבט זיי, דאכט זיך שוין ביי זיי אין די אויגן אז אזוי מוז עס אלעמאל זיין... און זיי פאדערן און פארלאנגען פארוואס מען געבט זיי נישט וכו'. – דאס איז אבער נישט קיין גלייכע פירונג, און אויף עפעס ענדליך צו דעם זאגט **אבא אליהו זכור לטוב** (תנא דבי אליהו רבא, פרק כ"א): "לְעוֹלָם יְהֵא **אָדָם** יְרֵא שָׁמַיִם וכו'", אין אנהייב זאל מען זיי אַן 'אדם', א מענטש! ווער עס איז אן 'אדם' און ער האט געהעריגע מענטשליכע מידות, טוט ער זיך באדאנקען מיט א 'יישר כח' פאר יעדן זאך וואס מען געבט אים, און ער איז נישט אימשטאנד צו פילן א הערשאפט געפיל אז אנדערע זענען אונטערטעניגט אונטער אים מיט א דערנידערונג און שאנד.

אסאך מאל פארגעסט מען אט דעם וויכטיגן יסוד, אז מען דארף געבן דעם ריכטיגן 'יחס' אינדערהיים, מיט כבוד און שעצונג, און משקיע זיין מחשבה און געפיל פאר די בני המשפחה, כדי זיך צו פאראייניגן מיט ליבשאפט, און אלעמאל זאגן פאר זיי ווערטער פון שעצונג, מיט ווייכקייט און אויפריכטיגקייט.

עס איז נישט מעגליך אז מען זאל לאזן דאס הויז בלויז אלס אן ארט פון 'מנוחה און אֳפּרוּ', וואו מען גייט אריין צו עסן, טרינקען און שלאפן... – און אויך די אויפגאבעס וואס דער מענטש האט זיך צוגעוואוינט אויסצופירן און טון אינדערהיים, זענען מערסטנס אן קיין 'פערזענליכער צוגאנג' און דירעקטער קשר צו די הויזגעזינד, און מען טוט עס נאר אלס הילף אנצופירן מיטן הויז אין אלגעמיין, און דאס איז נישט גענוג. נאר מען זאל זיך באציען מיט א דירעקטן צוגאנג צו די שטוב מענטשן, און פארשטייען זייער נפש און הארץ, זיך אינטערעסירן אין זייער מצב, און געפינען וועגן וויאזוי זיך אמת'דיג צו דערנענטערן צו זיי.

ווייל אפילו גאר א קליין קינד, ווען ער באקומט זיין עסן, טוט ער שמייכלען אלס א צייכן פון דאנקבארקייט און שעצונג צו דער וואס האט אים גוטס געטון, און ער פארבינדט זיך מיט א נפשיות'דיגן קשר מיט זיינע עלטערן.

->•<-

**הרה"ח רבי שמעון קאסטילאניץ ז"ל**, פון די חשוב'ע **סלאנימער** חסידים, וועלכער איז געווען פון די נאנטע תלמידים פון הרה"צ **רבי מאטיל סלאנימער זצוק"ל**, איז געווען א וואונדערליכער 'בעל מספר', און א יַדְעָן עָצוּם אינעם גאנצן שלשלת פון צדיקי בית סלאנים בפרט, און תלמידי הבעל שם טוב הקדוש בכלל [און עס זענען שוין געדרוקט געווארן צוויי ספרים פון די מעשיות וואס ער האט דערציילט].

אין א געלעגנהייט, האט מען אים געפרעגט, וויאזוי געדענקט ער און ער ווייסט אזוי פונקטליך אלע איינצלהייטן פון די 'טיב המעשיות' פון די צדיקים און זייערע תולדות.

האט רבי שמעון געענטפערט, אז אין זיין יונגט האט ער געהאט גרויס תענוג זיצנדיג אינעם חבורה פון די חסידי קמאי, אינדערצייט וואס זיי זענען געזעצן בצל קדשו פונעם הייליגן רבי'ן זצוק"ל אין טבריה של מעלה. – ביי אט די התוועדות'ן האבן די זקני החסידים דערציילט דאס וואס זיי האבן געזען און געהערט אין די פריערדיגע דורות, און זייערע רייד זענען פאר אים געווען לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ, וויבאלד זיי האבן אריינגעדרינגען זייערע רייד טיף אריין אינעם לֵב וָנֶפֶשׁ מיט א ספעציעלן נעימה!

א לאנגער צייט נאך וואס די התוועדות האט זיך געענדיגט, פלעג ער איבער'חזר'ן און זיך מתבונן זיין אין יעדן איינצלהייט פון אט די וואונדערליכע דערציילונגען, וועלנדיג זען וואס מען קען זיך לערנען פון זיי, און וויאזוי זיי זענען אנגעקומען צו זייערע מדריגות א.א.וו. – און אזוי, פון זיין גרויס אינטערעסע און ליבשאפט צו די אלע מעשיות, האבן די ווערטער טיף אריינגעדרינגען אין זיין זכרון און אין זיין זעל!

***

**הרה"ק רבי מאטיל סלאנימער זצוק"ל** האט אמאל געזען ווי א איד טוט לאנג זוכן אין די ספרים, וועלנדיג טרעפן אלע ערליי תפילות, בקשות און תחינות א.ד.ג. האט דער רבי געזאגט צו אים: איז דיר דען נישט גענוג דעם פשוט'ן 'סידור' וואס מיר האבן אין האנט? – לייג אריין ביי דיר אין סידור דעם גאנצן הארץ, און דו וועסט געהאלפן ווערן אין אלע ענינים! ווייל די אנשי כנסת הגדולה האבן שוין כולל געווען אין זייער תפילה, אלעס וואס דער מענטש דארף האבן אויף דער וועלט!

דעריבער, זאלסטו גוט דאווענען די תפילות וואס חכמינו ז"ל האבן באשטימט פאר דיר, וויבאלד זיי זענען פון אייביג אן צוגעפאסט פונטקליך לויט דיינע געברויכן!...

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!**









יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173